לזכות

החתן הת' **יצחק** שיחי'

והכלה מרת **נחמה דינה** תחי'

**ווייל**

לרגל נישואיהם בשעטומ"צ

ביום ג', ג' ניסן, הי' **תהא שנת אראנו סגולות**

**"ויבנו בית בישראל בנין עדי עד על יסודי התורה והמצוה**
**כפי שהם מוארים במאור שבתורה זוהי תורת החסידות"**

*

**נדפס ע"י הוריהם**

הרה"ת ר' **דוד** וזוגתו מרת **רחל שרה סאשא** שיחיו **ווייל**

הרה"ת ר' **רפאל יואל** וזוגתו מרת **חי' רחל** שיחיו **זימערמאן**

כתובתינו באינטרנט: http://www.moshiach.net/blind

ספרי' — אוצר החסידים — ליובאוויטש

# לקוטי שיחות

•

מכבוד קדושת

## אדמו"ר מנחם מענדל

**שניאורסאהן**

**מליובאוויטש**

## שמיני

יוצא לאור על ידי מערכת

**"אוצר החסידים"**

770 איסטערן פארקוויי ברוקלין, נ.י.

שנת חמשת אלפים שבע מאות ששים ואחת לבריאה

שנת המאה להולדת כ"ק אדמו"ר מה"מ

## שמיני ב

**א.** אויפן פסוק[1] „ואת שעיר החטאת דרש דרש משה והנה שורף" זאָגן חז"ל[2], אַז בשמיני למילואים האָט מען מקריב געווען „שלשה[3] שעירי חטאות . . שעיר עזים ושעיר נחשון ושעיר ר"ח ומכולן לא נשרף אלא זה" — דער שעיר ר"ח. און דערפאַר איז „ויקצוף[4] (משה) גו' מדוע לא אכלתם את החטאת גו'", און אהרן האָט אים געענטפערט: „הן[5] היום הקריבו את חטאתם גו' ותקראנה גו' ואכלתי חטאת היום הייטב בעיני ה'. וישמע משה וייטב בעיניו".

איינע פון די הסברות חז"ל[6] אין דער שקו"ט צווישן משה און אהרן — צי מ'האָט דעם שעיר ר"ח געדאַרפט עסן (לויטן קס"ד פון משה) אָדער פאַר־ברענען (כדעת אהרן) — איז:

אהרן ובניו זיינען דאַך געווען אוננים (ע"י מיתת נדב ואביהוא) און אַן אונן איז אסור בקדשים[7]. נאָר בנוגע שעיר עזים ושעיר נחשון האָט משה אָנגעזאָגט „ואכלתם גו' — כי כן צויתי"[8] „באנינות יאכלוה"[9].

אָבער וועגן דעם שעיר ר"ח זיינען משה און אהרן געווען חלוק: משה האָט געהאַלטן אַז אויך דעם שעיר ר"ח האָבן זיי געדאַרפט עסן באנינות, פּונקט ווי די אַנדערע צוויי שעירים, וויבאַלד ס'איז געווען אַ היתר מפורש (אויף די קרבנות פון דעם טאָג) „כי כן צויתי — באנינות יאכלוה"; אהרן האָט געהאַלטן און אים געענטפערט: שמא לא שמעת (דעם היתר) אלא בקדשי שעה (שעיר עזים ושעיר נחשון) דאי בקדשי דורות ק"ו ממעשר הקל ומה מעשר הקל אמרה תורה[10] לא אכלתי באוני ממנו בקדשי דורות לא כל שכן.

און מיד „וישמע משה וייטב בעיניו הודה ולא בוש (משה[11]) לומר לא שמעתי אלא (אמר[11]) שמעתי ושכחתי".

**ב.** דאַרף מען פאַרשטיין:

פאַרוואָס האָט אהרן געדאַרפט זאָגן „(דאי בקדשי דורות) ק"ו ממעשר הקל כו'"? אהרן איז דאָך ניט אויסן געווען מחדש זיין צו משה'ן דעם כללות'דיקן דין אַז אַן אונן איז אסור בקדשים[12]

---

1) פרשתנו י, טז.

2) תו"כ (ופרש"י) עה"פ. זבחים קא, ב.

3) לשון רש"י.

4) פרשתנו שם, טז־יז.

5) שם, יט־כ.

6) זבחים שם, א (תירוץ רבא).

7) ראה לקמן בפנים.

8) פרשתנו שם, יג. אלא ששם קאי על המנחה (כמפורש בפסוק שלפנ"ז „קחו את המנחה", ובפרש"י: זו מנחת שמיני ומנחת נחשון. וראה פרש"י שם, יח). וראה פרש"י שם, טז: אבל בקדשי שעה סמכו על משה שאמר להם במנחה ואכלוה מצות.

9) זבחים שם, רע"א (וש"נ). תו"כ ופרש"י עה"פ.

10) תבא כו, יד.

11) בשטמ"ק — ליתא תיבה זו.

12) בויק"ר פרשתנו (פי"ג, א. וראה אדר"נ פל"ז, יב) „וכיון שכעס נתעלמה ממנו הלכה שאונן אסור לאכול בקדשים . . מיד דרש אהרן ק"ו למשה ומה מעשר הקל כו'". וכ"ה לדעת שמואל (זבחים שם) ד„הא ר"י והא ר"נ" לפי שיטת רש"י שם, דלשמואל — לא ס"ל לר"נ ד„כן צויתי — באנינות יאכלוה", ו„על אנינות לא הוזכר למשה לדרוש ק"ו" (והיינו, שהי' ס"ל למשה שאין איסור אנינות בקדשים).

אבל לתירוץ רבא, דגם ר"נ ס"ל ד„באנינות יאכלוה" — ידע משה מאיסור אכילת קדשים לאונן, וכמפורש בפרש"י שם ד"ה אידי ואידי (וראה גם





**צווישן די גילויים שלמעלה ממדידה והגבלה וואָס קומען פאַר נאָך בסוף זמן הגלות.**

ובפשטות:

יעדער איד, **אנשים נשים און אפילו טף, האָט די אחריות צו מוסיף זיין אין זיין עבודה צו ברענגען משיח צדקנו בפועל ממש!**

**דערפון איז פאַרשטאַנדיק, אַז עס האָט קיין אָרט ניט אַז אַנשטאָט אַליין טאָן זאָל מען זיך פאַרלאָזן אויף אַנדערע אָדער אַרויפלייגן די אַרבעט אויף אַנדערע — נאָר דאָס איז די עבודה פון** כל אחד ואחת, **יעדערער דאַרף אַליין טאָן זיין עבודה „לשמש את קוני"[8] (צוליב וועלכע „אני נבראתי"[8]), און ס'איז זיכער אַז ער האָט אויף דעם כחות (וואָרום „איני מבקש כו' אלא לפי כחן"[9] כנ"ל).**

**און אין וואָס באַשטייט די עבודה — איז דאָס אויך בפשטות: אין מוסיף זיין בתורה ובמצוות, אין לימוד התורה — נגלה דתורה און פנימיות התורה, און אין קיום המצוות בהידור . . וכל זה — מתוך הצפי' והתשוקה וכו' חזקה צו דער גאולה[10] — „אחכה לו בכל יום שיבוא"[11], ווי מ'זאָגט עס בכל יום בתפלה: „ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים", און (בימי החול) — „את צמח דוד עבדך מהרה תצמיח". וכמדובר כמ"פ.**

(משיחות ש"פ שמיני, מבה"ח וער"ח אייר תנש"א)

---

8) משנה ובריתא סוף קידושין.

9) במדב"ר פי"ב, ג.

10) בל' חז"ל — „צפית לישועה" (שבת לא, סע"א). וראה רמב"ם הל' מלכים רפי"א: „כל מי שאינו מאמין בו (במלך המשיח), או מי שאינו מחכה לביאתו כו'". וראה לקו"ש חלק ל' ע' 182־3. וש"נ.

11) נוסח „אני מאמין". וראה לקו"ש חכ"ג ע' 394.

איז פון „שמונה נימין"[2] . . ביז אַז דאָס ברענגט גלייך דעם ענין פון תשיעי און פון עשירי יהי' קדש — די שלימות פון עשרה בגאולה האמיתית והשלימה („עלי עשור"[3]), „כנור של עשרה נימין"[2] (שלמעלה מכנור של שמונה נימין).

ובהדגשה יתירה — מצד דעם וואָס גלייך בתחלת חודש אייר, בב' אייר, איז דער יום הולדת פון דעם רבי'ן מהר"ש, וידוע הוראתו ונתינת כח שלו בענין „מלכתחילה אַריבער"[4] — וואָס ער איז דער דור הששי (פון דעם בעש"ט), חזקה בכפליים, און דערפון קומט מען דערנאָך צום דור השביעי, דור השמיני, ביז דורנו זה — דור התשיעי (ג' פעמים ג' חזקה), וואָס וועט די הכנה קרובה — בלי הפסק כלל — צו עשירי יהי' קדש בגאולה האמיתית והשלימה.

ובכל זה באַקומט יעדערער נאָכמער כח פון אתפשטותא דמשה[5] שבדורנו, כ"ק מו"ח אדמו"ר נשיא דורנו, ובפרט אַז מ'האָט היינט געלייענט אין בית הכנסת שלו . . און פון דעם בית תפלה וועט נמשך דער כח אויך מחוץ לבית זה, ביז בכל העולם כולו, אויך אין אַ פינה נדחת (בגשמיות וברוחניות) בעולם, ביז אַז עס וועט „ביתי בית תפלה יקרא לכל העמים"[6], צוזאַמען מיט „מקבץ נדחי ישראל עוד אקבץ עליו לנקבציו"[7],

— ווי עס וועט נתקיים מעין זה בזמנים אלו (שנת נסים ושנת אראנו נפלאות) — דער „מקבץ נדחי ישראל" פון מדינה ההיא בלי הגבלות (ניט ווי ס'איז געווען פריער אַז בכדי אַרויסגיין פון דאָרטן האָט מען געדאַרפט אָנקומען צו אַ יחוס מיוחד און אַ דרישה מיוחדת), און זיי קומען אָן אין ארץ ישראל, אויך אָן הגבלות (ניט ווי ס'איז געווען בזמן לפני זה, כידוע ומפורסם) — וואָס דאָס איז

2) ערכין יג, ב. ושי"נ.

3) תהלים צב, ד.

4) אגרות קודש אדמו"ר מהוריי"צ ח"א ע' תרי"ז.

5) זח"ג רעג, א. תקו"ז תס"ט. וראה תניא פמ"ד (סג, א).

6) ישעי' נו, ז.

7) שם, ח.





(דאָס האָט משה אויך פריער גע־וואוסט ובמאורע זה עצמו — דערפון וואָס דער אויבערשטער האָט אים גע־דאַרפט אָנזאָגן „צויתי" אַ היתר מפורש בנוגע די אַנדערע שעירים — „באנינות יאכלוה"[13])

— כדי צו מדגיש זיין דעם חילוק אַז דער היתר מיוחד ביי אנינות איז נאָר בנוגע די קדשי שעה און ניט בנוגע די קדשי דורות (שעיר ר"ח) — ולאפוקי פון סברת משה אַז דער היתר איז כולל אַלע קדשים פון דעם טאָג

[איז וואָס גיט דאָ צו דער ק"ו ממעשר הקל[14] (כאילו אַז לולא דעם ק"ו וואָלט מען ניט געקענט מחלק זיין צווישן קדשי שעה און קדשי דורות)] —

האָט אהרן געדאַרפט זאָגן בקיצור: שמא שמעת בקדשי שעה ולא בקדשי דורות!

דער דיוק איז נאָכמער בולט דורכ־דעם וואָס מ'געפינט, אַז אויך רש"י בפי־רושו על התורה[15] ברענגט דעם תוכן השקו"ט צווישן משה און אהרן [אַז אהרן האָט געזאָגט אַז ס'איז דאָ אַ חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות] — און רש"י דאָרט איז טאַקע מקצר בלשונו: הייטב בעיני ה' — אם שמעת בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות

(און ברענגט ניט דעם ק"ו ממעשר הקל).

ג. וועט מען דאָס פאַרשטיין בהקדים דיוק לשון רש"י הנ"ל „אם שמעת בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות":

פון לשון רש"י „אין לך להקל" (און ניט „ללמוד" וכיו"ב[16] — אַז מען קען בכלל ניט אָפּלערנען קדשי דורות פון קדשי שעה) איז מוכח, אַז דאָס וואָס מען קען ניט צוגלייכן קדשי דורות צו קדשי שעה איז [ניט ווייל דער היתר אנינות (ביי די קדשי שעה) איז געווען אַ „הוראת שעה" פון וועלכער מען קען בכלל ניט אָפּלערנען למקום אחר[16*], נאָר"ן] ווייל קדשי דורות זיינען מער חמור ווי קדשי שעה, ומהאי טעמא — „אם שמעת בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות".

ועפּ"ז איז מובן פאַרוואָס די גמרא איז מוסיף (בדברי אהרן) „ק"ו ממעשר הקל" — ווייל לויט שיטת הש"ס איז, פאַר־קערט: קדשי שעה זיינען חמורים פון קדשי דורות ועאכו"כ פון הקל שבקדשי דורות — און די ראי' אויף דעם:

די גמרא[18] ברענגט די פלוגתא צווישן ר' יוסי הגלילי און די חכמים בנוגע דעם מקור הדין אַז אַ חטאת (חיצונה) שנכנס

פרש"י עה"פ (י, יב): קחו את המנחה — אע"פ שאתם אוננים וקדשים אסורים לאונן) אלא ש„משה כשקצף טעה כו'" בהחילוק ד„שעה" ו„דורות". וראה לקמן בפנים סעיף ה.

13) ראה גם שפת אמת וקרן אורה זבחים שם.

14) כקושיית השפת אמת שם. ומה שתי' „דרך אגב משמיענו הגמ' עיקר טעמא דאונן אסור" — לדכוותינו צע"ג והסברה.

15) י, יט ד"ה הייטב. וראה פרש"י שם, טז (ד"ה שעיר החטאת) ואילך ובמפרשי רש"י. ואכ"מ.

16) ובפרט שרש"י משנה מלשונו בפסחים (פג, א) — „דורות משעה לא ילפינן" — כהובא לקמן בפנים.

16*) ראה מנחות יט, ב. ושי"נ.

17) ובפרט ששניהם אותם הקדשים וברוב המכריע דיניהם שווים — אין מסתבר כלל לומר שאינם בגדר אחד כלל (ללמוד זמ"ז). והרי: לומר דשייכי זל"ז — (א) קרוב יותר לפש"מ. (ב) ממעט המחלוקת בין משה ואהרן.

18) פסחים פג, א.

דמה לפני ולפנים ווערט פסול און מוז פאַרברענט ווערן: ר׳ יוסי הגלילי לערנט עס אָפּ פון פסוק (שבפרשתנו[19]) „הן לא הובא את דמה אל הקודש פנימה" (משה האָט געפרעגט אהרן׳ען: פאַרוואָס מ׳האָט דעם קרבן חטאת פאַר־ברענט — מ׳האָט דאָך איר דם ניט געבראַכט „אל הקודש פנימה") — „מכלל דאי . . עייל דמה — בשריפה". און דערפון לערנט מען אָפּ אויף יעדער חטאת חיצונה שנכנס דמה לפני ולפנים אַז דינה בשריפה. אָבער די חכמים לערנען אָפּ דעם דין פון אַן אַנדער פסוק, און ווי רש״י[20] איז מבאר, אַז לדעתם קען מען דאָס ניט אָפּלערנען פון פסוק „הן לא הובא גו׳", ווייל „דורות משעה לא ילפינן".

דלכאורה אף דלא ילפינן — מהו ההכרח לשנות ולהחמיר (ביי שעה) — דערפון איז מוכח אַז לויט די חכמים זיינען קדשי שעה בכלל חמורים פון קדשי דורות[21], וואָס דערפאַר, אע״פ אַז עס שטייט מפורש ביי „(קדשי) שעה" אַז חטאת שנכנס דמה לפני ולפנים איז בשריפה, וואָלט מען געקענט זאָגן אַז קדשי דורות זיינען ניט (אַזוי האַרב און ניט) בשריפה.

[נאָך מער: די כוונה אין „שעה" דאָרט איז ניט „קדשי שעה" כפשוטם (ד.ה. קרבנות וואָס מ׳האָט מקריב געווען בלויז אין יענער צייט) — וואָרום דער קרבן וועלכן מ׳האָט פאַרברענט איז געווען אַ שעיר ר״ח (כנ״ל) — נאָר (ווי תוספות[22] איז מבאר) „הוראת שעה היתה" (אַ הוראת שעה אין קדשי דורות).

קומט אויס, אַז לויט די חכמים[23], זיינען עניני „שעה" עד כדי כך חמורים פון עניני „דורות", אַז אפילו פון „שעה" שבקדשי דורות (שעיר ר״ח פון שמיני למילואים) קען מען ניט אָפּלערנען — ווייל זי איז חמורה פון קדשי דורות סתם. ועאכו״כ אַז קדשי שעה ממש (דער שעיר עזים און שעיר נחשון) זיינען חמורים פון קדשי דורות].

און וויבאַלד אַז „קדשי שעה" זיינען (לשיטת הש״ס) חמורים פון „קדשי דורות" — קען אין גמרא ניט שטיין „אם שמעת בקדשי שעה אין לך להקל בקדשי דורות", ווייל, אדרבה: אויב ביי קדשי שעה (החמורים) איז דאָ די קולא פון היתר אכילה באנינות, איז דאָך עאכו״כ אַז די קולא, דער היתר אכילה באנינות („באנינות יאכלוה") איז חל אויף די קדשי דורות (שבאותו מעמד[24]).

19) י, יח. — דעת ר״י הובאה גם בתו״כ פרשתנו עה״פ.

20) פסחים שם ד״ה אמר להן.

21) ואף שגם רש״י בפירושו עה״ת מפרש כדעת חכמים (צו ו, כג. וראה רש״י פרשתנו שם) — הרי בלימוד ע״ד הפשט אין זה מפני שאא״פ ללמוד זה מהפסוק דפרשתנו, כ״א מפני שזהו פשוטו של מקרא דהכתוב דפ׳ צו. וראה רא״ם צו שם. וק״ל.

22) פסחים שם ד״ה א״ל — בדעת רש״י. ומביא מפרש״י (בסוגיא שם לפנ״ז (פב, ב ד״ה לכך נאמר). ועוד) דמדובר בשעיר ר״ח.

23) וי״ל (שלא לאפושי מחלוקת) שגם ריה״ג מודה שבכלל עניני „שעה" חמורים מעניני „דורות". אלא שס״ל שכאן שהמדובר בשעיר ר״ח — לא היתה „הוראת שעה" לשריפתו.

24) משא״כ בקדשי דורות בכלל, שגם אצל משה הי׳ פשוט איסור אנינות בקדשים (כמובן מזה גופא שהקב״ה הוצרך להתיר לו אנינות במעמד זה, כנ״ל ס״ב).

ויש להוסיף, דבפשטות כאשר א״ל הקב״ה למשה ההיתר דאנינות א״ל ג״כ האיסור דאנינות בקדשים (בכלל). ועפ״ז י״ל דקס״ד דמשה היא, דמכיון שבדיבור אחד נאמרו, אינו שייך האיסור לאותו





— מ׳האָט דערביי תענוג, ביז הנאת הגוף (— מהמצוה, או כדי לעבוד את ה׳ וכו׳[42]);

בשעת אָבער עס רעדט זיך וועגן דער דרישת השעה אויף גרייטן זיך צו משיח׳ן — קדשי שעה — דאַרף מען געדענקען אַז דאָס איז אַן ענין שהזמן גרמא וואָס איז דוחה אַנדערע ענינים און מען דאַרף זיך אין דעם אריינלייגן אין אַן אופן פון למעלה ממדידה והגבלה, ביז מען ווערט אינגאַנצן אריינגעטאָן אין דעם, ביז עס ווערט פאַר־לאָרן די אייגענע מציאות (— בדוגמת שריפת הקרבן).

און דאָס גופא ברענגט אַראָפּ משיח צדקנו, וואָס זיין קומען איז אין אַן אופן פון „היסח הדעת"[43] (למעלה מבחינת דעת[44]) — מצאתי דוד עבדי[45] — בגאולה האמיתית והשלימה במהרה בימינו ממש.

(משיחות אחש״פ, ש״פ שמיני וש״פ תזו״מ תשמ״ב)

לקו״ש חכ״ז ע׳ 66

42) ראה תניא פ״ז (יא, ב).

43) סנהדרין צז, סע״א.

44) אגה״ק סי׳ ד (קה, ב ואילך).

45) תהלים פט, כא — ראה סנהדרין שם: ג׳ דברים באין בהיסח הדעת משיח מציאה כו׳.

## בשורת הגאולה

## כא.

דעם כללות׳דיקן אויפטו פון דעם היינטיקן יאָר – אויף וועלכן אידן גיבן דעם סימן און נאָמען „הי׳ תהא שנת נפלאות אראנו" – אַ יאָר אויסגעצייכנט דערמיט וואָס ער איז „פעט" און אָנגעפילט מיט נסים ונפלאות פון דעם אויבערשטן וואָס קומען פאָר לעיני כולם, (אויך) אַלס הכנה צו די נסים ונפלאות פון דער גאולה האמיתית והשלימה וועלכע קומט תיכף ומיד ממש, „כימי צאתך מארץ מצרים אראנו נפלאות"[1] – ווי גערעדט און אונטערשטראָכן פיל מאָל במשך דעם יאָר.

* * *

דער שבת איז אויך די ספירה פון „מלכות שבגבורה", גילוי מלכא משיחא מתוך גבורת הגלות, און שבת פ׳ שמיני . . וואָס איז פאַרבונדן במיוחד מיט משיח צדקנו – דער „כנור של ימות המשיח"

1) מיכה ז, טו.

בתוקף אַנטקעגן: מה יום מיומים, מנהג אבותינו אַן דעם חידוש, וכו׳ — ביז אַז ער מאַכט זיך פאַר אַ מנהיג ופוסק הדור וואָס איז דרישת השעה.

און דעריבער פאָדערט זיך אַ זהירות יתירה ביי אַן עבודה חדשה (ובפרט — וועלכע איז ניט נאָר אַן ענין לפי שעה[38], נאָר — איז אויך נוגע לדורות) מער און מער ווי בנוגע די עבודות הרגילות (וועלכע זיינען בדוגמת — קדשי דורות).

און דאָס לערנט מען אָפּ פון דעם ביאור הנ״ל (בשיטת הש״ס), אַז דאָס וואָס מען האָט די „קדשי שעה״ געגעסן באנינות (און די קדשי דורות פאַר־ברענט) — איז בלויז געווען אַ הוראת שעה אויף יענעם טאָג; אָבער דער סדר הרגיל דאַרף זיין אין אַ פאַרקערטן אופן — אַז די קדשי שעה זיינען (שווערער ובמילא —) האַרבער ווי קדשי דורות; אפילו דאָרט וואו די קדשי דורות מעג מען „עסן״, איז נאָך ניט קיין ראי׳ אַז מען קען „עסן״ די קדשי שעה.

און ווי מען געפינט ביי די קרבנות המילואים, אַז דער ערשטער קרבן וואָס אהרן האָט געבראַכט — פר לחטאת — האָט ער ניט געגעסן (ווי אַ חטאת דקדשי דורות), נאָר — „תשרוף באש״[39].

ווייל אין קדשי דורות, וואו דער יצה״ר שטעלט זיך ניט אַנטקעגן (עד כדי כך), קען מען זיך „פאַרגינען״ דעם תענוג פון אכילת הקרבן, אין וועלכן עס איז דאָ הנאה, אויך דער גוף האָט דער־פון הנאה ותענוג;

משא״כ ביי „קדשי שעה״ ביי וועלכע דער יצה״ר טוט ביותר אויף לבלבל וכו׳ דאַרף מען האָבן אַ זהירות יתירה בנוגע צו אכילה[40]. בשעת מען דערפילט אַן אייגענעם געשמאַק ובפרט גופני גיט דאָס אַן אָרט וואו דער יצה״ר קען האָבן אַן אחיזה וכו׳ —

נאָר עס דאַרף זיין שריפת הקרבן, ביטול לגמרי.

ז. און דאָס איז אויך די הוראה למעשה בדורנו זה:

לויט אַלע סימנים אין סוף מס׳ סוטה געפינען מיר זיך איצט אין דרא דעקב־תא דמשיחא ממש, און ווי כ״ק מו״ח אדמו״ר האָט געזאָגט[41] אַז „הנה עומד אחר כתלנו״, און אין וועלכן עס זיינען דאָ חלונות וחרכים — איז די דרישת השעה, צו מכין זיין זיך (מיט דער גאַנ־צער סביבה) לקבלת פני משיח צדקנו.

— דאַרף מען וויסן, אַז אין דער עבודה דאַרף מען האָבן אַ זהירות (כולל — זריזות) יתירה, און זי מוז געטאָן ווערן מיט דער גאַנצער מסירה ונתינה, בכל מאדך.

ווען עס רעדט זיך וועגן קדשי דורות — די עבודות הרגילות — האָט אַן אָרט אַז די עבודה זאָל זיין אַן עבודה מסודרה ע״פ טעם ודעת, אין וועלכער מען פאַר־לירט ניט (לגמרי) די אייגענע מציאות

38) שהם קלים מקדשי דורות (כנ״ל בפנים), וכן בעבודה — שמכיון שנוגע רק לשעה ואין בהם לדורות, אין היצה״ר מנגד כ״כ כו׳.

39) תצוה כט, יד.

40) ולהעיר מענין דפרש חגיכם (רק ג׳ פעמים בשנה) קאמר פרש שבתכם (מדי שבוע בשבוע) לא קאמר (זח״ב פח, ב. אלא שביאורו ע״פ חסידות באו״א — ראה תו״א ר״פ ח״ש. סידור ר, ג־ד. רג, ג ואילך. ועוד).

41) ב„קול קורא״ (שנדפס ב„הקריאה והקדושה״ סיון תש״א. אגרות קודש אדמו״ר מהוריי״צ ח״ה ע׳ שסז). ועוד.





דערפאַר האָט אהרן געמוזט מוסיף זיין „דאי בקדשי דורות ק״ו ממעשר הקל״[24*]: וויבאַלד מען געפינט אַז דער איסור אנינות איז חל אפילו אויף „מעשר הקל״ — קען מען ניט מקיל זיין באנינות בקדשי דורות (דורך אָפּלערנען פון קדשי שעה), נאָר עס איז מסתבר צו זאָגן, אַז דער היתר אנינות איז געווען אַ הוראת שעה בלויז בנוגע די קדשי שעה און מען קען דערפון ניט אָפּלערנען.

ד. עס בלייבט אָבער ניט מובן: וואָס איז די הסברת הפלוגתא צי קדשי דורות זיינען מער חמור (כשיטת רש״י בפי־רושו עה״ת), אָדער קדשי שעה (כשיטת הש״ס)?

ויש לומר, אַז די פלוגתא איז (ניט — וואָס איז מער חמור (כנ״ל), נאָר) — וואָס פאַר אַ סוג „קדשי שעה״ איז דאָ געווען.

אין קדשי שעה זיינען דאָ צוויי אופנים:

א) „קדשי שעה״ סתם, חד פעמי ממש (וואָס האָט ניט קיין פעולה וצד השווה מיט דורות), ע״ד די קרבנות וואָס אליהו האָט מקריב געווען בהר הכרמל. ומסתבר אַז זיי זיינען (קדשי שעה) קלים מקדשי דורות (ווי אין דער דוגמא הנ״ל — אַז מ׳האָט ביי קרבנות אליהו בהר הכרמל מתיר געמאַכט דעם איסור פון שחוטי חוץ).

ב) „קדשי שעה״, וואָס כאָטש אַז זייער הקרבה בפועל איז בלויז באותה שעה, איז ענינם ותוכנם — אַ פעולה לדורות. ע״ד ווי די קרבנות פון די ימי המי־לואים וואָס האָבן מחנך געווען דעם משכן, ועד״ז די קרבנות הנשיאים לחנוכת המזבח. און דער סוג פון קדשי שעה איז, כמובן, מער חמור ווי סתם קדשים (קדשי דורות), ווייל דורך זיי ווערט אויפגעטאָן, אַז זיי זיינען תלויים ענינים לדורות.

ועד״ז בנדו״ד גופא — בנוגע דעם שעיר עזים ושעיר נחשון: דער גדר פון „קדשי שעה״ קען ביי זיי זיין אויף צוויי אופנים, ובהקדים, אַז די שקו״ט דאָ איז (ניט בנוגע זייער הקרבה ע״ג המזבח, נאָר) וועגן אכילת כהנים. און אין דעם קען מען קלערן, צי אויך אכילת כהנים איז אַ חלק פון חנוכת המשכן והמזבח:

ע״ד הפשט לייגט זיך, אַז אכילת בני אדם (הכהנים) האָט ניט קיין שייכות מיט חינוך המשכן והמזבח:

לא מיבעי דער שעיר עזים (פון שמיני למילואים) — ד.ה. אַ קרבן פאַרבונדן מיטן חינוך פון ימי המילואים — איז דאַך דעמאָלט (בעת אכילת השעיר) שוין געווען נאָך דעם ווי די קרבנות פון אהרן האָבן שוין אויפגעטאָן (דורך דער הקרבה ע״ג המזבח) דעם חינוך און — בשלימותו ביז אַז „תשרה שכינה בכם״[25]

מעמד, ובמילא מחוייב באכילה בכל דבר. ובמכש״כ ממחללי׳ מות יומת וביום השבת שני כבשים בדיבור אחד נאמרו (מכילתא (ורש״י) יתרו עה״פ (יתרו כ, ח) זכור) — אף (א) שנכתבו בב׳ ספרים, (ב) ונאמר בו „על עולת התמיד״ (שאינו מיוחד לשבת, דוגמת קדשי דורות דנדו״ד),

ולכן הוכרח אהרן להביא את הק״ו ממעשר הקל שאין שוברו בצדו.

[אלא שעפ״ז, אדרבה: צ״ע והסברה למה „וייטב בעיניו״. וצע״ק מה ק״ו שייך כאן. ואין לומר דבנדו״ד הוא ענין חד פעמי משא״כ בנוגע לשבת — שהרי גם בנדו״ד מסתבר לומר שהוא הדין בחנוכת ביהמ״ק הא׳, הב׳ והג׳ (ואולי גם — משכן שילה)].

24*) וראה לקמן בפנים סעיף ה והערה 31 (בנוגע למשה).

25) ל׳ רש״י פרשתנו ט, כג בסופו (וראה שם ד״ה ויבא משה).

און — „ותצא אש מלפני ה' ותאכל על המזבח גו'"[26], ובמילא איז די אכילת כהנים שלאח"ז טוט ניט אויף בחינוך המשכן והמזבח (לדורות);

נאר אפילו שעיר נחשון, וואס מיט דעם איז געווען די התחלה פון די צוועלף טעג פון חנוכת המזבח (דורך די קרבנות הנשיאים) — איז אבער לויטן דרך הפשט מסתבר לומר, אז די „חנוכת המזבח" איז פארבונדן מיט דער הקרבה ע"ג המזבח במשכן, אבער ניט מיט דער אכילת כהנים.

— קומט אויס, אז לויט פרש"י עה"ת איז די אכילת כהנים פון די „קדשי שעה" ניט נוגע לדורות, נאר עס איז אן ענין חד פעמי, ד.ה. דאס איז אין דעם ערשטן סוג (הנ"ל) אין קדשי שעה, וועלכע זיינען קלים פון קדשי דורות; ובמילא (בלי רש"י) — „אם שמעת („באנינות יאכלוה") בקדשי שעה (הקלים) אין לך להקל בקדשי דורות (החמורים)".

משא"כ אין דעם לימוד ע"ד ההלכה, איז כשם ווי מען געפינט בנוגע צו דער כפרה שע"י קרבן, אז „כהנים אוכלים ובעלים מתכפרים"[27], עד"ז איז (ע"ד ההלכה) בנוגע צו אלע פעולות פון א קרבן — כולל די פעולות הקרבנות בנדו"ד: חינוך המשכן והמזבח — אז די אכילת כהנים איז דערמיט פארבונדן און פועל'ט בזה.

קומט אויס, אז (אויך) די אכילת כהנים פון שעיר עזים ושעיר נחשון איז נוגע לדורות, און דערפאר איז שיטת הש"ס אז די קדשי שעה זיינען מער חמור ווי קדשי דורות, און דערפאר האט אהרן געדארפט אנקומען צום „ק"ו ממעשר הקל" (כנ"ל באורך).

ה. לויט דעם ביאור האמור אין דעם חילוק צווישן שיטת הש"ס און שיטת רש"י בפירושו עה"ת אין טענת אהרן — וועט מען אויך פארשטיין דעם שינוי ביניהם בנוגע להודאת משה, „וישמע משה וייטב בעיניו":

אין גמרא[*] שטייט: „הודה ולא בוש (משה) לומר לא שמעתי אלא (אמר) שמעתי ושכחתי" — אז ביי משה איז געווען דערביי שכחה; משא"כ רש"י בפירושו על התורה[28] ברענגט (ניט לשון הש"ס, נאר) ע"ד לשון התורת כהנים[29]: „הודה ולא בוש לומר לא שמעתי" — וואס פשטות לשון רש"י איז (ווי גערעדט אמאל בארוכה[30]) אז משה האט זיך ניט געשעמט צו זאגן אז ער האט דעם חילוק פון קדשי שעה און קדשי דורות ניט געהערט פון אויבערשטן (אבער עס איז דערביי ניט געווען שכחה).

ויש לומר אז „לשיטתייהו אזלי":

לויט שיטת הש"ס, אז דער יסוד פון אהרן איז בלויז דער „ק"ו ממעשר הקל" (ווייל מצד הסברא (לולא דעם ק"ו) וואלט אויך אהרן מודה געווען אז מען דארף עסן דעם שעיר ר"ח באנינות, במכש"כ פון קדשי שעה החמורים) — דארף מען זאגן, אז דאס וואס משה האט (מלכתחילה) געהאלטן אנדערש איז ווייל בשעת מעשה האט ער ניט געוואוסט דעם לימוד פון „מעשר הקל"[31], דא איז געווען שכחה — משה רבינו האט פארגעסן דעם דין (ולימוד) פון מעשר.

משא"כ לויט פרש"י עה"ת, איז דער חילוק צווישן דער קס"ד של משה און דעת אהרן געווען אן ענין פון סברא: משה האט געהאלטן אז דער היתר אנינות איז פארבונדן מיטן טאג, אלס שמיני למילואים[32], ובמילא איז אין דעם ניטא קיין חילוק צווישן קדשי שעה און קדשי דורות: און אהרן האט מחדש געווען אז דער היתר אנינות איז נאר אויף די קרבנות מיוחדים (פון דעם טאג אלס ימי המילואים) אבער מען קען דערפאר ניט מקיל זיין ביי דעם שעיר ר"ח וואס איז פון קדשי דורות.

און דערפאר זאגט ניט רש"י אז ביי משה איז געווען שכחה — ווייל אויף א סברא פאסט ניט זאגן: שכחה און דערפאר זאגט מען — היפך הסברא! מען קען פארגעסן א דין, ע"ד „נתעלמה ממנו הלכה"[33], אבער עס האט ניט קיין ארט צו זאגן אז מ'האט פארגעסן א סברא (מען קען מאכן א טעות בסברא[34], אבער ניט שכחה).

נאר, לויט פשוטו של מקרא, האט משה געזאגט „לא שמעתי" — ער האט פון דעם אויבערשטן ניט געהערט דעם חילוק.

ו. פון יעדן ענין דארף מען ארויסנעמען א הוראה אין עבודת האדם[35]. וי"ל די הוראה פון ענין הנ"ל — אויף וויפל מען דארף זיין זהיר אין די ענינים וואס זיינען בדוגמת „קדשי שעה":

עס זיינען פאראן ענינים אין עבודת האדם וועלכע זיינען בדוגמת „קדשי דורות" — ענינים קבועים וואס זיינען דא מדור דור בלי שינוי; און עס זיינען פאראן ענינים בדוגמת „קדשי שעה" — ענינים חדשים שתלמיד ותיק עתיד לחדש, תקנות גדולי ישראל וואס פאדערן זיך מצד דרישת השעה, בקעה מצא וגדר בה גדר[36], וכיו"ב.

אין די זאכן אין וועלכע מען איז איינגעוואוינט מדור דור זיינען ניטא (אזויפיל) שוועריקייטן אויף מנצח זיין דעם יצר הרע, וויבאלד מ'איז שוין אדורך די „כל התחלות קשות"[37]; ויתרה מזה — הרגל נעשה טבע. אבער בנוגע די עבודות וועלכע זיינען בדוגמת „קדשי שעה" שטעלט זיך דער יצה"ר

(26) שם, כד.

(27) תו"כ (ופרש"י) פרשתנו י, יז (בנוגע לשעיר ר"ח שהוא לכפרה). פסחים נט, ב'. וש"נ.

*) ושם נלמד זה מהפסוק (תצוה כט, לג) גבי מילואים. ולהעיר שבפרש"י תצוה שם לא הובא זה (ע"ש), ומביאו רק בפרשתנו גבי שעיר ר"ח.

(28) י, כ.

(29) שם (אלא שבתו"כ — „הודה מיד").

(30) לקו"ש ח"ח ע' 182 הערה 4. חי"ז ע' 109 ואילך. וש"נ.

(31) אבל אינו מוכרח, כי י"ל שקס"ד דמשה היא — כי „לא אכלתי באוני" יודע שיאמרנו לאחרי ל"ט שנה[*], ואילו שאין איסור אנינות — שמע בנוגע להווה ובפירוש.

(32) ראה לקו"ש חי"ז ע' 105 ואילך.

(33) ראה ויק"ר דלעיל הערה 12. ועד"ז בכ"מ.

*) ובפרט שי"ל, שמכיון שלא אכלתי גו' נאמר בקשר לוידוי מעשרות, הרי כשם שכללות חיוב מעשר הוא רק כשנכנסו לארץ, גם האיסור דלא אכלתי באוני קשור עם הכניסה לארץ (שמשנה גם הקרבת הקרבנות — ובפרט בבוא הזמן ד„באתם . . אל המנוחה גו'").

(34) ראה לשון רש"י זבחים שם סד"ה אידי ואידי. לקו"ש ח"ח שם. ועוד.

(35) ובמכש"כ מתורת הבעש"ט בנוגע לכל דבר ודבר אשר אדם רואה או שומע (כש"ט (קה"ת) בהוספות סי' קכז־ט. וש"נ).

(36) עירובין ו, א. וש"נ.

(37) מכילתא ורש"י יתרו יט, ה.